# UCLA

## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title

Mark Shagal – Der Ben-Tishim / Marc Chagall – The 90-Year-Old

### Permalink

https://escholarship.org/uc/item/7fv1m67j

### Journal

Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 90(1)

### Author

Cuba Fishbein, Kuba Fishbin /

### Publication Date

1978

### Copyright Information

Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library University of California

קובאַ פישבין / פאַריז

# מאַרק שאַגאַל — דער בן־תשעים

צום 90טן געבורטסטאָג האָט זיך געעפנט שאַגאַלס אַן אויסשטעלונג אין לוווּר. דער קדשי־קדשים פון דער פראַנצויזישער קונסט, איינער פון די וויכטיקסטע קונסט־היכלען אין דער וועלט, האָט געעפנט זיינע זאַלן פאַר אַן אויסוואַל פון שאַגאַלס שאַפונגען פון די לעצטע צען יאָר. זעלטן, זעלטן ווען דער לוווּר עפנט זיך פאַר אַ ווערק פון אַ קינסטלער ביים לעבן. אין קדשי־קדשים קומט אַריין, ווי באַוווּסט, נאָר דער כהן־גדול אַליין. די שאַגאַל אויסשטעלונג האָט דערעפנט דער מלוכה־פרעזידענט בכבודו ובעצמו; מדינת פראַנקרייך פאַרניגט זיך אויף אַן אָפיציעלן אופן פאַרן גרויסן יידישן קינסטלער.

שאַגאַל איז אפשר דער פאָפולערסטער קינסטלער צווישן די לעבנדיקע היינט צו טאָג. אויף דעם איז אַן עדות די ריזיקע צאָל פובליקאַציעס וועגן שאַגאַלן, וואָס האָבן געשריבן, און שרייבן כסדר, די גרעסטע קונסט־פאָרשערס, די סאַמע גרעסטע מבינים און עסטעטן; איצט סתם שרייבערס און זשורנאַליסטן; אַ גאַנצע פעדער־אַרמיי האָט זיך אינטערעסירט מיט שאַגאַלן און זיין שאַפונג. וויסנשאַפטלערס פון קונסט אַנאַליזירן זיין יצירה, זיין קינסטלערישע שפראַך, זיין באַזונדערן סטיל — הכלל, אַלע וואַלאָרן פון זיין קונסט. שרייבערס און גייסט־מענטשן פאַרטיפן זיך אין שאַגאַלס פאָעטישע טעמאַטיק און זוכן די בריק צווישן זיין פערזענלעכן נעכטן און זיין קינסטלערישן היינט. די גרויסע שאַגאַלישע ביבליאָגראַפיע איז רייך מיט באַגייסטערטע אָפרופן; ס׳פעלן אָבער אויך נישט מיינונגען פון נעגאַטיווער קריטיק. וואָס שייך די יידישע וועלט, איז זי באַהערשט פון אַ באַרעכטיקטן שטאָלץ מיט אַ קינסטלער וואָס האָט מרעיש עולם געווען און וואָס ברענגט כבוד דעם יידישן נאָמען. אָבער פאַרוואָס פאַרשווייגן: אויך צווישן יידן זיינען פאַראַן טענות צו שאַגאַלן, טענות — אָפט מאָל נישט גערעכטע, ווייל זייער שורש שטעקט אין פאַרעלטערטע געזעלשאַפטלעכע קאָנצעפציעס. איז מיט וואָס ענטפערן די מחברים פון אַלע טענות?

אין אַ שמועס פאַר דער פראַנצויזישער טעלעוויזיע האָט שאַגאַל דערציילט אַז, אַלס קליין קינד, בעת אַ מהומה אין וויטעבסק, ווען גויים האָבן פרעבירט צו מאַכן אַ שטיקל פאָגראָם — האָט אים די מאַמע באַפוילן אויסצובאַהאַלטן זיך אונטערן בעט. איז, ליגנדיק אַזוי אונטערן בעט־באַהעלטעניש, האָט דער קליינער שאַגאַל געשיקט אַ בקשה צום רבונו־של־עולם — טאַטע אין הימל! מאַך אַזוי, אַז איך זאָל זיין אַנדערש פון אַלעמען!

וויזט אויס, אַז אינעם דראַנג צו זיין אַנדערש — שטעקט דער סוד פונעם שאַגאַלישן וועג; און דאָס פאַרענטפערט שוין אַלע טענות. אַפנים, אַז דער כביכול האָט אויסגעהערט די קינדערישע תפילה, ווייל זיין גאַנץ לעבן גייט שאַגאַל מיט אייגענע, נישט אויסגעטרעטענע קינסטלערישע וועגן, און קאָנקרעטער — זינט ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף זיין יונגער קינסטלערישער פאָזיציע אין פאַריז.

ס׳איז באמת צו שטוינען: פון וואַנען נעמט זיך די חוצפה צו אַ אַ יונגן מאַן וואָס איז פון חושכדיקן וויטעבסק נאָר וואָס אַריינגעפאַלן אינעם ברויזנדיקן קונסט־צענטער, פאַריז, אין דעם פאַריז ווו ס׳שאַרפן זיך פרישע קונסט־שטראָמען, שולן גאַנצע, און זיי שפאַרן זיך אָן אויף הונדערטער יאָרן פון רעאַליסטישע טראַדיציע — ווו קומט צו אַזאַ איינעם צו זאָגן, אַז ער שיקט אַ גט דעם רעאַליזם און גייט גאָר שפילן אַ ליבע מיט אַ וועלט פון חלומות?

האָט דערויף אַנדרעי מאַלראָ אַ תשובה: דער דראַנג צו דער נישט געפענטעטער פרייהייט — דאָס האָט שאַגאַלן געשטויסן אויף די אומבאַקאַנטע וועגן פון אַנטפלעקונג. דערביי, אַנגייענדיק אויף די שליאַכן פון שאַפונגס־פרייהייט, איז אויפגעגאַנגען דער וווּנדערבאַרער רעגנבויגן פון שאַגאַלס פאַליטרע. מאַלראָ וואַרפט

צו נאָך עפּעס: מיטן כישוף פון זיין קאָלירן רייכטום, מיט דער מיסטעריע פון זיין פאַרבן־כעמיע האָט זיך שאַגאַל אַנטפּלעקט ווי דער יורש פון טיציאַן און דעלאַקרואַ. איז עד כאן אַנדרעי מאַלראָ.

איצט, אויב די וועגן פון יצירה־פרייהייט האָבן געפירט שאַגאַלן צו פאַרלייקענען דעם רעאַליזם, איז דערפון נישט געדרונגען, אַז זיין שאַפונג איז אָפּגעריסן פונעם רעאַלן לעבן. דער שאַגאַלישער „יריד אויפן הימל" איז אַ פרוכט, וואָס וואַקסט אַרויס דירעקט פון דער יידישער רעאַלער מאַמע־ערד. אין וועלכער מאָס און ווי אַזוי איז דעם קינסטלערס שאַפן פאַרבונדן מיט עלעמענטן פון זיין לעבן?

שאַגאַלס פּאָעטישער באַנעם, זיין שפּראַך, זיין סטיל — אַלץ איז אַ דירעקטער פּועל־יוצא פון דער געדיכט־יידישער פאָלקסטימלעכער ענגשאַפט פונעם יידישן שטעטל. זיין קונסט אָטעמט מיט מעשיות פון חומש — זיין ערשטע גייסטיקע דערנערונג; זיינע בילדער רעדן מיט חכמה פונעם יידישן פאָלקס־ווערטל — וואָס איז זיין מאַמע לשון. די לעגענדעס פון קדמונים האָבן צעוויגט זיין פּאָעטישע פאַנטאַזיע און דאָס פקחותדיקע פאָלקס־ווערטל האָט אים דערלאַנגט די שפּראַך אין דער האַנט אַריין.

דאָס יידישע פאָלקס־ווערטל, דער יידישער זאָג, וואָס איז אַריינגעפלאָכטן אין דער וואָכעדיק־גערעדטע יידישע שפּראַך — דאָס איז אַן עוצר פון באַפליגלטע פאַנטאַזיע, פאַרביקייט און מאָלערישע בילדערישקייט. האָט זיך דאָס ווערטל אויף יידיש לשון, ווייט פון אַלע תרי״ג מצוות פון רעאַליזם, דערוואַרט אויף איר קרוין־קינסטלער און באַקומען דעם פּלאַסטישן תיקון מיטן חומר פון די ווערטלעך פונעם יידישן זאָג — האָט שאַגאַל אויפגעשטעלט זיין מאָלעריש מלכות. וואָלט שאַגאַל אַרויסגעקומען פון אַ יידישער סביבה, ווו גלייך פון זיינע ערשטע קינדער־יאָרן, וואָלט ער באַלאַנגט צו אַן אייראָפּעישע קולטור — וואָלט ער וואַרשיינלעך אַוועק מיט אַנדערע קינסטלערישע וועגן. שאַגאַל איז שאַגאַליש נאָר דערפאַר, ווייל זיינע יונגע יאָרן זיינען אויסגעקנאָטן פונעם געמאַטערטן יידישן לעבן אין דעם תחום המושב. די יידן וואָס ער האָט יונגערהייט געזען, זיינען אייביק געוואָרן גרין און געל ביז זיי האָבן געהאַט אויף שבת. זיין חלום — דערלאַנגען צום טעלערל פון הימל — דאָס איז דאָס וואָכעדיקע געבעט פון יעדן איינעם אין שטעטל. איצט, דאָס גיין מיטן קאָפּ אַראָפּ און די פיס אַרויף — דאָס האָט ער געזען טאָג־טעגלעך; דאָס האָבן די פריילעך־מאַכערס אין גאַס, מיט זייערע צירק־שטיקלעך, אַריינגעבראַכט אַ שמייכל אינעם גרויען יידישן וויטעבסק. צירק — זאָגט שאַגאַל — דאָס איז זיין היים, זיין קינדהייט. ער האָט דאָס ליב ווי די ביימער. צירק סימבאָליזירט, לויט אים, דעם אייביקן דראַנג פונעם מענטש צו אַביסל פּאָעזיע.

נישט אין דער איקאָנאָגראַפיע ליגט דער יידישער טעם פון שאַגאַלס קונסט; דאָס וואָלט געווען צו באַנאַל. אַרויסברענגען אויף אַ בילד אַ ייד מיט אַ באָרד, טליתים, אַרבע־כנפות — דאָס זאָגט גאָר נישט. מיט איר באַנעם איז שאַגאַלס קונסט יידיש, מיט איר שפּראַך, מיט איר באַפליגלטן חלום, מיטן גרייכן צו אַ מדרגה פון — אויב נישט נאָך העכער; נאָר אין דעם ליגט דער יידישער טעם פון דער שאַגאַלישער קונסט, באַשאַפן פון באַגריפן און קאָלירן פון יידישן ווערטל, באַווירצט מיט דעם יידיש־פאַנטאַסטישן נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, און וואָס איז טיף פאַרוואָרצלט אינעם קינסטלערס לעבן.

אין דעם אייגנאַרטיקן יידיש־פאָלקסטימלעכן באַנעם ליגט אויך דער תמצית פון שאַגאַלס גט מיטן רעאַליזם. אָבער, זיין וועלט פון חלומות איז אַ מיקראָקאָסמאָס, אָנגעפילט דורכן רעאַלן מענטשלעכן לעבן. מענטש און בעל־חי דערלאַנגען זיך די הענט און פילן אויס דעם שאַגאַלישן רוים. אינעם קאַראַהאָד פון אַ חלום פירט וויטעבסק אַ ראָמאַן מיט פּאַריז; און איבער דעם שאַגאַלישן יריד גייט אויף דאָס שיר־השירים געזאַנג, אַ הימן צו דער ליבע. די ערדישע דיסאָנאַנס־קלאַנגען הילכן אָפּ, אין שאַגאַלס געמיט, מיט געשפּענסט־חלומות. און ווען ס'גייט אויף דער יידישער פרילינג, דאַן איז אויף שאַגאַלס הימל דער אמתער יריד. אין אַ התלהבותדיק שמחה־טענצל לאָזן זיך אַוועק אַלע שגאַלישע בני־אדם און